**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער רייע געזעצן צו פארשטערקערן דיזעסטער גרייטקייט באמיאונגען אין ניו יארק סטעיט**

***נייער געזעץ (A.25/S.3275) מאכט אן אויסנאם פאר געוויסע יוטיליטי און אנדערע ארבייטער פון רייזע פארבאטן וועלכע ווערן דעקלערט דורכאויס עמערדזשענסיס***

***נייער געזעץ (A.1905/S.1086) פאדערט א פלאן פאר דעליווערי פון מעדיצין און מעדיצינישע געצייג צו פארמאסיס, שפיטעלער און נוירסינג היימער דורכאויס דעקלערטע עמערדזשענסיס***

***נייער געזעץ (A.3217A/S.931A) מאכט זיכער אז מענטשן וועלכע באנוצן זיך מיט געוויסע מעדיצינישע מאשינען האבן צוטריט צו עלעקטריציטעט דורכאויס עמערדזשענסיס***

***נייער געזעץ (A.3318C/S.926C) פאדערט עלעקטריציטעט פירמעס פאראנטווארטליך צוריקצושטעלן סערוויסעס פאר פאליציי דעפארטמענטס, פייער דעפארטמענטס און אמבולאנס סערוויסעס צו איינמעלדן פאר לאקאלע קאונטי אפיסעס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג ביז 24 שעה אויב די פירמע קען נישט צוריקשטעלן עלעקטריציטעט***

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן צו פארבעסערן דיזעסטער גרייטקייט באמיאונגען אריבער ניו יארק סטעיט.

"אין ניו יארק סטעיט ווארטן מיר נישט פאר א דיזעסטער אונז צו באטרעפן, מיר שטייען שוין אפאר טריט פאראויס און מיר זענען גרייט צו ארויסלאזן עמערדזשענסי מיטלען אין צייט פון קריזיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זעצן פאר צו פארשטערקערן אונזערע עמערדזשענסי גרייטקייט באמיאונגען אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, פארזיכערנדיג צוטריט צו מעדיצינישע סערוויסעס, יוטיליטיס און אנדערע קריטישע מיטלען אין צייטן פון נויט. מיין אדמיניסטראציע וועט בלייבן שטארק קאנצענטרירט צו פארשטערקערן די סטעיט'ס עמערדזשענסי פלאנירונג און רעאקציע מעגליכקייטן צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז גרייט פאר סיי וועלכע דיזעסטער."

**דער געזעץ (A.25/S.3275)** מאכט אן אויסנאם פאר געוויסע יוטיליטי און אנדערע ארבייטער פון רייזע פארבאטן דורכאויס דעקלערטע עמערדזשענסיס. די ראלע פון יוטיליטי און געוויסע אנדערע ארבייטער איז א קריטישע באשטאנדטייל פון עמערדזשענסי גרייטקייט און רעאקציע. טייל קאמיוניטיס זענען אריבער לאנג-טערמיניגע עלעקטריציטעט און קאמיוניקאציע קורצשלוסן דורכאויס לעצטיגע שטורעמעס, און נישט א קליינע חלק פון די סיבה דערפון איז געווען וויבאלד מאנשאפטן פון יוטיליטי פירמעס זענען פארבאטן געווארן פון פיזיש אנקומען צו די עלעקטריציטעט און קאמיוניקאציע אינפראסטרוקטור וועלכע האבן געדארפט פארראכטן ווערן. דער נייער געזעץ וועט צולייגן קלארקייט, איינהייטליכקייט איבערן סטעיט און אלגעמיינע ערלויבעניש פאר יוטיליטי און אנדערע באטרעפנדע ארבייטער צו פארן פון און צו

דיזעסטער ראיאנען כדי צו צוריקברענגען עלעקטריציטעט און קאמיוניקאציעס און צושטעלן אויפהאלטונג סערוויסעס.

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "אין אן עפאכע פון מער און מער סכנות'דיגע וועטערס, איז עס וויכטיג אז מיר זאלן אונטערנעמען אלע שריט צו זיין גרייט פאר דיזעסטער. צו אפט גייען קאמיוניטיס אריבער לאנג-טערמיניגע ענערגיע, עלעקטריציטעט און יוטיליטי אפהאקונגען צוליב נישט גוטע אינפראסטרוקטור פראטאקאלן דורכאויס עמערדזשענסיס, אזוי ווי מיר האבן געזעהן ביים 'סופער שטורעם סענדי'. איך בין שטאלץ צו האבן געספאנסארט די צוויי געזעצן וועלכע וועלן העלפן פארבעסערן אנזער אינפראסטרוקטור און נאכקומען די באדערפענישן פון ניו יארקער אין צייט פון דיזעסטערס. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די געזעצן צו נעמען שריט צו פארשטערקערן אונזער עמערדזשענסי גרייטקייט."

**אסעמבלי מיטגליד קעווין קעיהיל האט געזאגט,** "ווען די אייז שטורעם האט באטראפן אלסטער קאונטי לעצטע ווינטער איז גאווערנער קעטי האקול געווען די ערשטע מענטש אויפן שטח דא. זי ווייסט ווי וויכטיג צוטריט איז פאר די פאראנטוואורטליכע קערפערשאפטן. ווען קריטישע יוטיליטי און קאמיוניקאציע סערוויסעס זענען איבערגעהאקט, מוזן די סערוויסעס צוריקגעברענגט ווערן ווי שנעלער מעגליך. די מאסנאם (A.25) איז דעזיינט צו אוועקנעמען לעגאלע שטרויכלונגען וועלכע שטייען אין וועג פון צוריקברענגען די סערוויסעס. עס שטעלט אוועק אויף אן איינהייטליכן פארנעם דאס וואס איז פארדעם געווען ווי ארויפגעניייטע לאטעס אין סטעיט און לאקאלע געזעצן איבער די באוועגונג פון קריטישע ארבעט מאנשאפטן דורכאויס רייזע פארבאטן אין פארבינדונג מיט עמערדזשענסי געשעענישן. דאס אריבערפירונג פון דעם שכל'דיגן געזעץ פארזיכערט אז ארבעט מאנשאפטן קענען לעגאל פארן אויף די געסער פון אונזער סטעיט צו צוריקברענגען עלעקטריציטעט, קאמיוניקאציע און אנדערע וויכטיגע סערוויסעס פאר ניו יארקער נאכפאלגנדיג א נאטורליכע אדער מענטשן-פאראורזאכטע קאטאסטראפישע געשעעניש."

**דער געזעץ (A.1905/S.1086)** פאדערט די סטעיט צו אהערשטעלן א פלאן פאר די דעליווערי פון מעדיצין און מעדיצינישע געצייג צו פארמאסיס, שפיטעלער און נוירסינג היימער דורכאויס דעקלערטע דיזעסטערס. עס איז קריטיש אז ניו יארקער זאלן האבן צוטריט צו מעדיצינישע קעיר דורכאויס א דעקלערטע עמערדזשענסי צושטאנד. דער געזעץ וועט פארלאנגען אז די סטעיט גרייטקייט פלאן זאל אריינרעכענען שריט צו העלפן פארמאסיס, שפיטעלער און נוירסינג היימער צושטעלן וויכטיגע העלט קעיר סערוויסעס אין א דיזעסטער געגנט.

**סטעיט סענאטאר דזשים גאָוגרען האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ וואס מיר ווייסן וועט ראטעווען לעבנס קומענדיגע מאל וואס מיר האבן אן ערנסטע שטורעם מיט גרויסע שאדנס און פארלוסט פון עלעקטריציטעט צו די קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעפרי דינאוויץ האט געזאגט,** "באזונדערס יעצט ווען מיר געוואוינען זיך איין צו א שנעל-טוישנדע קלימאט אין וועלכע נאטורליכע קאטאסטראפעס זענען אן אפטערע און מער אינטענסיווע ערשיינונג, איז עס גאר וויכטיג אז ניו יארק זאל זיין גרייט ווי עס איז נאר מעגליך צו היטן אויף העלטקעיר צוטריט צו די וועלכע זענען אין נויט. א דאנק פאר גאווערנער האקול און איר מאנשאפט פארן ארויפשארן זייערע ארבל צו אדורכארבעטן פאריגע זארגן איבער דעם געזעץ, און א דאנק פאר סטעיט סענאטאר גאָוגרען פאר זיין מיטארבעט אין די אנדערע לעגיסלאטיווע טשעימבער."

**דער געזעץ (A.3217A/S.931A)** מאכט זיכער אז מענטשן וועלכע באנוצן זיך מיט געוויסע מעדיצינישע מאשינען האבן צוטריט צו עלעקטריציטעט דורכאויס עמערדזשענסיס. דער געזעץ רעכנט אויס וועלכע סארטן מעדיצינישע מאשינען אדער עקוויפמענט קענען בארעכטיגן מענטשן פאר קריטישע

עלעקטריציטעט אין עמערדזשענסיס. אזוי ווי עס איז געזעהן געווארן אין פאריגע דיזעסטערס, זענען פילע מענטשן וועלכע דארפן האבן צוטריט צו עלעקטריציטעט פאר מעדיצינישע סיבות געלאזט געווארן אן צוטריט דורכאויס עמערדזשענסיס. דער געזעצן זוכט צו באשיצן אלע מענטשן פאר וועלכע פארלירן עלעקטריציטעט פאר זייערע מעדיצינישע עקוויפמענט קען זיין קאטאסטראפאל אדער שטעלן זייער לעבן אין סכנה. אנגעהויבן פון א נייגעבוירענע בעיבי וואס דארף אן 'עפניע' מאניטאר ביז א מענטש מיט א שווערע פאל פון אסטמא און באקומען אן אטאקע דורך היץ און לופט פייכטקייט — וועט דער געזעץ ראטעווען צאללאזע לעבנס דורכן פארבינדן מענטשן מיט קריטישע סערוויסעס.

**דער געזעץ (A.3318C/S.926C)** פאדערט עלעקטריציטעט פירמעס וועלכע זענען פאראנטווארטליך צוריקצושטעלן סערוויסעס פאר פאליציי דעפּארטמענטס, פייער דעפּארטמענטס און אמבולאנס סערוויסעס צו איינמעלדן פאר לאקאלע קאונטי אפיסעס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג ביז 24 שעה דורכאויס עמערדזשענסיס אויב די פירמע קען נישט צוריקשטעלן עלעקטריציטעט. רעטונג סערוויסעס ווי פאליציי, פייער און אמבולאנס סערוויסעס שפילן א קריטישע ראלע ביים ראטעווען די לעבן פון איינוואוינער, באזונדערס דורכאויס א דיזעסטער. דער נייער געזעץ וועט העלפן זיכער מאכן אז אלע פאליציי, פייער און אמבולאנס סערוויסעס קענען פארזעצן צו באקומען גענוג עלעקטריציטעט צו אויפהאלטן אלע לעבנס זיכערהייט סיסטעמען, ווי אויך זייערע פונדאמענטאלע אפעראציעס.

**סטעיט סענאטארשע ענע מ. קאפלאן האט געזאגט,** "עס איז פשוט שכל'דיג אז ערשטע הילף מאנשאפטן און מענטשן מיט ערנסטע מעדיצינישע פראבלעמען זאלן קומען ערשט ביים צוריקבאקומען זייער עלעקטריציטעט נאך א גרויסע שטורעם, אבער נאכפאלגנדיג סענדי און אייזעיע האבן מיר געזעהן צופיל שוואכערע לאנג איילענד איינוואוינער, פייער דעפּארטמענט הייזער און פאליציי סטאנציעס וועלכע זענען געלאזט געווארן אין די טונקל פאר צו לאנג. מיר דארפן זיך קימער איבער אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן און איבער אונזערע שוואכערע שכנים דורכאויס עמערדזשענסיס, און מיין געזעץ וועט פארזיכערן אז זיי ווערן געגעבן דין קדימה און ווערן באהאנדלט מיט קעיר. די געזעצן זענען שכל'דיגע רעפארמען, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן זיי אונטערשרייבן."

**אסעמבלי מיטגליד נעידער דזש. סעיעג האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר זיך צו אפגעבן מיט ברייט-פארשפרייטע שטורעם-פארבינדענע עלעקטריציטעט קורצשלוסן אין די צוקונפט, גיבן מיינע לעגיסלאטיווע בילס א דין קדימה צוריקצובאקומען עלעקטריציטעט צו שטיצן אונזערע פאליציי, פייער און אמבולאנס סערוויסעס, און זיי פאדערן געוויסע סערוויס פראָווײַדערס צו האבן גרייטעע פלענער ארויסצוהעלפן קליענטן וועלכע מוזן האבן עלעקטריציטעט צו האלטן לעבנסוויכטיגע מעדיצינישע עקוויפמענט אנגעצינדן. עס איז בלויז שכל'דיג אז אונזערע עמערדזשענסי מאנשאפטן און די וועלכע האבן לעבנ'ס ראטעווענדע מעדיצינישע עקוויפמענט דארפן האבן עלעקטריציטעט. עס דערפריידט מיך צו געוואויר ווערן אז מיין געזעץ וואס אדרעסירט די וויכטיגע נושא איז אריבערגעגאנגען מיט שטיצע פון ביידע פארטייען אין ביידע הייזער פון די לעגיסלאטור. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן די געזעצן וועלכע וועלן באשיצן אלע ניו יארקער."

**פעט גיידיס, פארזיצער פון די IBEW יוטיליטי לעיבאר קאונסיל און ביזנעס מענעדזשער ביי IBEW Local 1049, האט געזאגט,** "צוטריט צו קריטישע יוטיליטי סערוויסעס איז גאר וויכטיג פאר מענטשן וועלכע באנוצן זיך מיט זיי אין ניו יארק סטעיט. אין צייטן פון קריזיס, באזונדערס דורכאויס שטורעמס, איז דאס צוריקברענגען סערוויס קריטיש נישט נאר צו טרייבן די עקאנאמישע מאטאר פון אונזער געוואלדיגע סטעיט נאר אויך צו ברענגען באקוועמליכקייט און זיכערהייט צו אונזערע קאמיוניטיס. דורכאויס א קאטאסטראפע זענען יוטיליטי פירמע ארבייטער אריבער ניו יארק סטעיט צווישן די מערסטע קריטישע מאנשאפטן צו צוריקברענגען קריטישע סערוויס. עלעקטריציטעט קורצשלוסן קענען קאסטן לעבנס אזוי שנעל, און עס מוז פארזיכערט ווערן אז מאנשאפטן קענען ארויסגעשיקט ווערן אומגעשטערט. היינט באדאנקען מיר NY גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן געזעץ

A.25/S.3275 מאכנדיג אן אויסנאם פאר געוויסע יוטיליטי און אנדערע ארבייטער פון רייזע פארבאטן דורכאויס דעקלערטע עמערדזשענסיס."

**דזשעימס שיליטאָו, פרעזידענט פון Local 1-2, New York פון יוטיליטי פירמע ארבייטער יוניאן פון אמעריקע ביי AFL-CIO, האט געזאגט,** "אין נאמען פון אלע מיינע מיטגלידער און יוטיליטי פירמע ארבייטער אריבער די סטעיט, באדאנקען מיר גאווערנער האקול פארן אונז גיבן די געלעגנהייט צו רעאגירן שנעלערהייט ווען וועטער געשעענישן אדער אנדערע סכנות באגרעניצן רייזעס. די שווערע וועטער וועלכע ווערט פאראויסגעזאגט פאר די סוף וואך פון די האלידעיס וועט זיין א פראבע פאר אונז. יעצט קענען מיר רעאגירן ווי אלע קריטישע ארבייטער ווען די פובליק דארף אונז די מערסטע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418